בס"ד

מטות־מסעי תשפ"ו

גליון 290

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײנער קוואל

# אַן אָרט פון קלאָרקייט

קינדערלעך, לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַז עס שטייט אַ גרויסע שיינע זאַל, אויסגעצירט מיט גאָר שיינע בילדער און װען אַ איד טוט עפּעס אַ מצוה אָדער אַ גוטע זאַך גלייך גייט די מצוה אַריין אין דעם שיינעם בנין און עס ווערט פון דעם הערליכע קאָלירטע בילדער, שיינע מאָלערייען און פאַרהאַנגען א.ד.ג. ווער קען זיך אויסמאָלן דאָס שיינקייט פון דעם בנין.

דער בית המקדש ווערט אָנגערופן "בית קדשנו ותפארתנו", אונזער הייליגער וואונדערליכער הויז" ווייל דאָרט פלעגט שיינען און לייכטן די מעשים טובים און מצווה'לעך פון די אידישע קינדער, אַלע גוטע זאַכן און מצוות וואָס די אידן האָבן געטון איז אַרויף אין בית המקדש און איז געוואָרן דאָרטן אויסגעמאָלן פון דעם הערליכע באַצויבערטע בילדער. אַזוי אויך איז געווען דאָרט דער מקור פון די תורה, אַזוי ווי עס שטייט אין די תורה כי יפלא ממך דבר.. וקמת ועלית אל המקום, אין בית המקדש איז קלאָר געוואָרן פאַרן איד אַלע זיינע שאלות און ספיקות וואָס איז אים געווען אומקלאָר.

יענע צייטן אויב איז שווער געווען פאַר אַ איד עפּעס אַ שאלה אין די תורה איז ער אַרויף קיין ירושלים און דאָרט אין בית המקדש זענען געזעצן די הייליגע סנהדרין אין לשכת הגזית, דאָרט האָט מען מברר געווען אַלע הלכות פון די הייליגע תורה און באַקומען עצות וויאַזוי צו מקיים זיין די תורה בשלמות.

אַזוי אויך איז אין בית המקדש געווען דאָס דאַווענען בשלמות. אַזוי ווי ס'שטייט "ובאו והתפללו אל הבית הזה (דברי הימים ב' ו, לב), מיר זאָגן יעדן טאָג ביים דאַווענען "כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים, מיין הויז, אַ הויז פון תפלה.

דורך דער בית המקדש האָבן די אידישע קינדער געהאַט אַ שיינקייט, ווייל דאָרט איז פאַרציַיט געוואָרן אַלע זינד פון די אידישע קינדער, די אידן האָבן געהאַט אַ געוואַלדיגן התפארות, אַלע פעלקער האָבן געוואוסט אַז דער אויבערשטער באַרימט זיך מיט זיין פאָלק.

אויף די אַלע זאַכן קלאָגן מיר און מיר בענקען זיך צו דעם, מען פירט זיך דינים און הלכות פון די דריי וואָכן צו ווייזן אַז מיר זענען זיך חס ושלום נישט מייאש, נאָר מיר האָפן יעדן טאָג אויף די גאולה, אַזוי ווי רש"י הקדוש ברענגט אין אנהייב מגלת איכה "היתה כאלמנה", כלל ישראל זענען איצטער ווי אַן אלמנה, נישט אַן אלמנה ממש, נאָר אַזוי ווי אַ פרוי וואָס איר מאַן איז אַוועק געפאָרן אויף גאָר אַ ווייטע וועג אויף זייער אַ לאַנגע צייט,

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

און זַיין פְּרוֹי וַוארט און בֶּענְקְט צוּ אִים.

אַזוֹי אוֹיךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין קוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים מִיט אוּנְז, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי אַלֶע וָואס קְלָאגְן אוּן בֶּענְקֶען אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה אַז עֶר וֶועט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן דָאס שֵׁיינְקַייט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט לָתֵת לָהֶם "פְּאֵר" תַּחַת "אֵפֶר".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת אוּן מִיטן כֹּחַ פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָועלְכֶע זֶענֶען מְקַיֵּים בִּפְשִׁיטוּת דִי הֲלָכוֹת פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, זַיי הָאפְן צוּ דִי גְאוּלָה זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר צוּ זֶען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט אִיר פְּרַאכְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.




*אין קורצן פון פריער:*

*מיר האלטן שוין ביים דריטן יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות צום רבי'ן. ראש השנה תקס"ה האט דער רבי געזאגט א פארכטיגע תורה. רבי נתן שילדערט ווי דער רבי האט געזאגט תורה מיט טרייסלדיגע און ציטערדיגע תנועות. אין די תורה רעדט דער רבי איבער די ערנסטקייט פון פארגיסן תפילות איידער מען לערנט תורה מיט א צווייטן און איבער די וויכטיגקייט פאר א איד צו גיין קיין ארץ ישראל און אויב ער האט שווערע מניעות דאס אויסצופירן, זאל ער כאטש אנקומען קיין ארץ ישראל איינמאל אין לעבן.*

אצינד ליינט ווייטער:

## דער רבי באפעלט צו אנטפלעקן די בשורה

שבת שובה האבן די חסידים געהאפט אז דער רבי וועט ארויסקומען צו שלש סעודות און זאגן תורה, כאטש אין א געווענליכן שבת פלעגט דער רבי נישט ארויסקומען צו שלש סעודות. אזוי איז דער עולם געשטאנען און געווארט נעבן טיר מיט א האפענונג אין זייערע אויגן, אפשר פארט וועט די טיר זיך עפענען און דער רבי וועט זיך באוויזן פאר זיי און איבערגעבן א הייליגע תורה.

מיטאמאל האט זיך טיר אויפגעעפנט מיט א געוואלדיגע בהלה. אלע חסידים וועלכע זענען געשטאנען ביים טיר, זענען דערציטערט געווארן. דער רבי האט געהייסן רופן זיין עלטסטע טאכטער. באלד ווי די טאכטער איז אריין צום רבי'ן, האט דער רבי אנגעהויבן צו רעדן מיט איר וועגן די פטירה פון די טאכטער, פייגא. אין אנהייב האט זי פרובירט זיך ארויסצודרייען פון איבערגעבן די מעשה. דער רבי האט איר אבער געזאגט, "איך וויים דאך שוין דעם אמת סייווי." אזוי ארום האט

ז׳ מודה געווען און האט דערציילט פאר׳ן רבי׳ן דערוועגן.

דער רבי איז שוין נישט ארויסגעקומען צום עולם צו שלש סעודות און מוצאי שבת האט ער זיך געזעצט שבעה פאר א קורצע ווײלע, ווי די הלכה איז אז ווען מער הערט א בשורה שוין נאך די שלושים, דארף מען זיצן שבעה נאר א שעה צייט.

דערנאך איז דער רבי ארויסגעקומען צום עולם און זיך גענומען שמועסן. דער רבי האט געזאגט אז עס האט אים ארײנגעשײנט א געוואלדיגע ליכטיגקייט צו זאגן תורה, אבער צוליב דעם וואס ער האט געדארפט זיצן שבעה, איז דאס צעשטערט געווארן.

ער האט ווייטער דערציילט אז זיין טאכטער, די נפטרת, איז געקומען צו אים מיט טענות, פארוואס בשעת ז׳ איז געווען נישט־געזונט האט מען איר געטראגן צו א גוי צו היילן. דער גוי האט עוסק געווען אין סגולות און לחשים וואס למעשה איז ער געווען א כישוף מאכער. דער רבי האט צוגעלייגט אז מען האט מן הסתם נישט אויפגעפאסט דערויף, ווייל אין אונזערע צייטן טרעפן זיך כמעט נישט קיין כישוף מאכערס, אבער דער גוי איז געווען אן אמת׳ער מכשף ה״י און זיינע אפשפרעכונגען האט אנגעמאכט א גרויסן פלעק אויף איר לויטערע און הייליגע נשמה.

אצינד איז ז׳ געקומען צו איר הייליגן פאטער צו בעטן אז ער זאל טון עפעס דערצו. צוליב דעם האט דער רבי געמוזט זיך נאכפרעגן אויף איר. נאר ווען מען האט אים מודיע געווען פון איר פטירה, האט דער רבי געקענט עוסק זיין אין איר תיקון.

דאס האט אפגעהאלטן דעם רבי׳ן פון קענען זאגן די תורה וואס ער האט געוואלט איבערגעבן ביי שלש סעודות.

## פיר שעה תורה

מאנטאג - די פינפטע טאג פון עשרת ימי תשובה, האט דער רבי, גאנץ אומגעראכטן, אנגעהויבן צו זאגן א לאנגע תורה וואס האט אנגעהאלטן פיר שעה!

רבי נתן שרייבט:

דער רבי איז געזעסן און געשמועסט מיט אונז. מיטאמאל האט דער רבי געבעטן איינער זאל אים ברענגען שמן־זית מיט א קנויט און עס אנגרייטן צו קענען אנצינדן. דער רבי אליין האט אנגעצינדן דאס ליכטל, ווי ער פלעגט טון פון צייט צו צייט צו אנצינדן א ליכט פון שמן־זית - ווארשיינליך, צו ממתיק זיין דינים.

באלד נאכ׳ן אנצינדן די ליכט, האט דער רבי גערעדט צו אונז מיט גרויס פארכטיגקייט און פלוצלונג האט ער געבעטן א סליחות. ער האט געעפנט די סליחות וואס מען האט אים געברענגט און אנגעהויבן זאגן א חלק פון די יום כיפור סליחות.

מיר זענען געשטאנען ארום דעם רבי׳ן. ער איז געזעסן אויף זיין בענקל נעבן דעם טיש אין זיין צימער. ער האט אנגעהויבן צו רעדן פון גן־עדן און גיהנם און ער האט ווייטער געצויגן פון איין ענין צום צווייטן, ביז ער האט פארענדיגט די תורה. די גאנצע תורה, פון אנהייב ביז׳ן סוף, האט אים

געגומען בערך פיר שעה. עס איז אוממעגליך ארויסצוברענגען אויפ'ן פאפיר וואס עס איז אריבער אין משך פון די צייט. גליקליך איז די שעה און גליקליך איז די מינוטן אין וואס מיר האבן דאס מיטגעלעבט.

שבת נאך סוכות, האט דער רבי אנטפלעקט אז פאר די דאזיגע תורה האט ער געגעבן טויזנט גאלדענע בטבעות פאר דעם שומר הפתח אין די עולמות עליונים, אז ער זאל אים ארײנלאזן אינעווייניג צו הערן די תורה.

רבי נתן שרייבט:

פריער ווען איך האב געהערט פון רבי'ן די תורה וואס ער האט געזאגט אויפ'ן פסוק: "ראיתי והנה מנורת זהב," (תורה ח') 'האב איך געמיינט אז דעם רבינ'ס תורות זענען ענליך צו די פון דעם הייליגן און געטליכן מקובל רבי שמשון אסטראפאלער (וואס ביי א צווייטע געלעגנהייט האט רבי נתן זיך אויסגעדרוקט, "ס'פאלט מיר דעם קאפ...", מיינענדיג ארויסצוברענגען די הויכקייט און טיפקייט פון רבי שמשונ'ס תורות) - יעצט אבער, ווען איך האב געהערט די תורה 'חותם בתוך חותם', (תורה כ"ב) האב איך איינגעזען אז דאס זענען דעם רבינ'ס אריגינאלע תורות."

# דאס געשריי אין רוסישן טורמע



רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט אִין אוּמַאן, אַ לִיכְטִיגְקַייט אוּן אַ לוּיטֶערְקַייט נֶעמְט אַרוּם דֶער גַאנְצֶער גֶעגֶנְט אַרוּם דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן, פוּן וַוייט אוּן פוּן נָאנְט זֶענֶען אַלֶע חֲסִידִים זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ. אוֹיךְ דֶער פְּרִישֶׁער מְקוּרָב ר' מֹשֶׁה יְרוּסְלַבְסְקִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּן קְרִימֶענְטְשוּק צוּזַאמֶען מִיט זַיין שְׁוֶוער ר' נַחְמָן קַארוּסְנְסְקִי דִי סְלִיחוֹת פוּן זְכוֹר-בְּרִית אוּן דִי וַוארֶעמֶע תְּפִלּוֹת אִין קְלוֹיז הָאבְּן אִים מוֹרָא'דִיג בַּאנוּמֶען, אַזַא דַאוֶוענֶען מִיט אַ בְּרֶען הָאט עֶר אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעהֶערְט. נָאךְ מַעֲרִיב הָאט עֶר גֶעזֶעהְן ווִי דֶער עוֹלָם צוּגֵייט זִיךְ, יֶעדֶער חָסִיד גֵייט זִיךְ צוּ זַיין ווִינְקְל, וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט אַן אַכְסַנְיָא בַּיי אֵיינֶעם פוּן דִי אָרְטִיגֶע אַיינְווֹאוֹינֶער אִיז גֶעוֶוען גְלִיקְלִיךְ, אָדֶער אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל פַארְמֶעגְלִיכֶע חֲסִידִים וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דָאס בִּיסְל גֶעלְט צוּ דִינְגֶען אַ

גוּטֶע פְּלַאץ צוּ עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, אָבֶער רוֹב חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען בְּלוּטִיגֶע אָרֶעמֶעלַייט וָואס הָאבְן אֲפִילוּ דִי פָּאר פְּרוּטוֹת פַאר אַ גֶעהֶערִיגֶע בֶּעט נִישְׁט פַארְמָאגְט, זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ דִינְגֶען קְלֵיינֶע אַלְטֶע בּוּדְקֶעס אָדֶער בּוּנְקֶערְס אוּנְטֶערְן עֶרְד, אַ חֵלֶק זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן אִין תְּבוּאָה מַאגַאזִינֶען אוּן גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל הַארְטֶע בְּרוֹיט פַאר דִי סְעוּדוֹת...

ר׳ מֹשֶׁה הָאט צוּגֶעזֶען דֶער מַצָּב אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטָאן. וָואס טוּט מֶען? עֶס פֶעלְט אוֹיס אֵיינֶער זָאל צוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדַת יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע גֶעסְט וָואס קוּמֶען פוּן וַוייט. אַזוֹי וִוי ר׳ מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר אוּן הָאט פַארְמָאגְט אַבִּיסְל גֶעלְט הָאט עֶס אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִין אִים אַ שְׁטִילֶער וִוילְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, ׳אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ גֶעבְּן דִי סְעוּדָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי אָרֶעמֶע חֲסִידִים? בְּמָקוֹם שֶׁאֵין אִישׁ הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ.. אוֹיבּ ס׳אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער וָואס זָאל צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר דִי גֶעסְט אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ זַיין דֶער אֵיינֶער?!...׳ אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֶעבְּן פוּן זַיין אֵייגְן אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט, אוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה אוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים קוּמְט נִישְׁט אָן אַזוֹי גְרִינְג... הָאט עֶר דָאס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט בַּיי זִיךְ מִיט אַלֶע סָארְטְן תֵּרוּצִים, ׳אֶפְשָׁר אִיבֶּער אַ יָאר... אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וֶועל פַארְדִינֶען מֶער א.ד.ג.׳ אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, בִּיז



אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַאכְן דֶעם רִיכְטִיגְן בַּאשְׁלוּס.

ר׳ מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר פוּן סְחוֹרָה אוּן שְׁטָאף, אִין יֶענֶע צַייט אִין רוּסְלַאנְד אִיז גֶעוֶוען אָנְהוֹיבּ פוּן דִי קָאמוּנִיזְם וָואס הָאט אַיינְגֶעפִירְט נַייעֶ גֶעזֶעצְן אִין אַלֶע גֶעבִּיטְן, אֵיינֶע פוּן דִי גֶעזֶעצְן אִין גֶעוֶוען אַז קֵיינֶער טָאר נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְחוֹרָה אוּן מַאטְרִיאַלְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּן רוּסְלַאנְד! אַלֶעס הָאט מֶען גֶעדַארְפְט נִיצְן פוּן וָואס עֶס וֶוערְט פַאבְּרִיצִירְט אִין לַאנְד, פַארְן כַאפְּן אֵיינֶעם מִיט אַזַא עֲבֵרָה פוּן אִימְפָּארְטִירְן סְחוֹרָה פוּן אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד הָאט מֶען גֶעקֶענְט אוּרְטֵיילְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְן עֶרְגְסְטְן שְׁטְרָאף.

וַיְהִי הַיּוֹם, מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אִין שְׁטָאט וואוּ ר׳ מֹשֶׁה הָאט גֶעוואוֹינְט אֵיינֶעם אַ סוֹחֵר מִיט טַייעֶרֶע סְחוֹרָה וָואס עֶר הָאט אַרִיבֶּערְגֶעשְׁוֶוערְצְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, מֶען הָאט אִים גְלַייךְ אַרֶעסְטִירְט אוּן גֶענוּמֶען אוֹיסְפָארְשְׁטְן פַאר וֶועמֶען הָאט עֶר דָאס פַארְקוֹיפְט, וֶוער הָאט בַּאשְׁטֶעלְט בַּיי אִים דִי סְחוֹרָה? דֶער סוֹחֵר וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶוען דָאס לֶעבְּן הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי פָארְשֶׁערְס אַז דִי סְחוֹרָה הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט פַאר ר׳ מֹשֶׁה יֶרוּסְלַבְסְקִי! דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוָוארְן בַּאפְרַייט פַאר זַיין לֶעבְּן אוּן ר׳ מֹשֶׁה אִיז גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אַנְשְׁטָאט אִים אוּן פַארְאוּרְטֵיילְט גֶעוָוארְן בִּיז אַ קוּרְצֶע

צײַט מיט טויט-שטראָף!

ר׳ משה האָט זיך געטראָפן אין טורמע מיט די רויט-קאַלירטע קלײדער פון די נדונים-למות די מענטשן וואָס זענען פאַראורטײלט געוואָרן צום טויט רחמנא ליצלן און זיצן אין תפיסה און וואַרטן אויף זײער גזר-דין. ר׳ משה איז געווען דערציטערט, ער האָט געפילט ווי דער הימל איז געפאַלן אויף אים אין אַ העלן טאָג, ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון, וויפיל זײנע געדאַנקען אין מח האָבן געפיבערט צו טראַכטן עצות האָט ער נישט געזען קײן אויסוועג אַרויסצוקריכן פון זײן פּלאָנטער. ווי אויבנדערמאַנט איז ר׳ משה געווען אַ ברסלבער חסיד, האָט ער גענומען די עצה פון רבי׳ן און זיך גענומען שרײען פון טיפן האַרצן בקול גדול צום באַשעפער, ער האָט געשריגן און געבעטן אויף זײן לעבן דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אים און אויסלײזן פון זײן צרה און אים ראַטעווען פון זײן שווערן בראָך.



זײנע הויכע געשרײען טאָג און נאַכט האָבן אָנגעהויבן צו שטערן פאַר די שומרים וואָס זענען געשטאַנען אויפן וואַך אינדרויסן פון טיר. אײנער פון די חברה זענען צוגעגאַנגען און אויפגעמאַכט דאָס טיר שרײַענדיג צו ר׳ משה: "שטיל זאָל זײן! גענוג! הער שוין אויף צו מאַכן געוואַלדן!" האָט אים ר׳ משה צוריק געענטפערט: "וואָס קען איך דערלײגן? איך בין שוין סײווי אין תפיסה, מען האָט מיר שוין גע׳משפט צום טויט... וואָס קען איך אָנווערן? לאָמיר כאָטש שרײען צום באַשעפער ווײל ער קען אַלעס, טראָץ עס זעט אויס אינגאַנצן פאַרלוירן...". דער שומר איז געבליבן שטיל, נו, וואָס קען ער דען ענטפערן? ער האָט זיך אויסגעדרײט און צוריק פאַרקנאַקט די טיר, ווען מען הערט ווידער ר׳ משה שרײט געוואַלד און בעט זיך אויף זײן לעבן פונעם הײליגן באַשעפער...

די טעג זענען געלאָפן ר׳ משה זיצט אין תפיסה און דער טאָג פונעם גזר-דין איז אָנגעקומען. ר׳ משה איז געשטאַנען אין אַ לאַנגע רײע צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטירטע וואָס זענען אַזוי ווי אים פאַרזיגלט געוואָרן צום טויט. זײנע ליפּן שעפּטשען אַ שטילע תפלה צום רבונו של עולם: "באַשעפער טײערער ראַטעווע מיר..." אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל יתיאש מן הרחמים! אַזוי אַרום איז אַרײנגעקומען אַ חשוב׳ער אָפיציר רײטנדיג אויף אַ הויכער פערד ער גײט צו צו יעדן אַרעסטאַנט און פרעגט אים ווי דער געזעץ פאַרלאַנגט: "ביסטו מודה אויף דײן שולד?" אויב ענטפערט יענער "יאָ!" נעמט מען אים צום טויט, אויב אָבער איז דער ענטפער "נײן,"

עֶר אִיז נִישְׁט מוֹדֶה אוֹיף דֶער בַּאשוּלְדִיגוּנְג דַאן נֶעמְט מֶען צוּרִיק אִין תְּפִיסָה און מֶען גֵייט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער אוֹיף זַיין אוּרְטֵייל, אוֹיבּ קוּמְט עֶר אַרוֹיס רֵיינְגֶעוַואשְׁן וֶוערְט עֶר בַּאפְרַייט! אָבֶּער אוֹיבּ קוּמְט עֶר וִוידֶער אַרוֹיס שׁוּלְדִיג דֶעמָאלְס בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטְרָאף נָאךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער און עֶנְגֶער.

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי רַייזֶע פוּן ר׳ מֹשֶׁה, דֶער אָפִיצִיר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט זַיין רֶעוָואלְוֶוער און גֶעפְרֶעגְט טְרוּקֶענֶערְהֵייט: ״בִּיסְטוּ מוֹדֶה אִין דַיין שׁוּלְד?״

״נֵיין!״ הָאט ר׳ מֹשֶׁה גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ דְרַייסְקַייט, ״אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אוּמְשׁוּלְדִיג!״

דֶער אָפִיצִיר הָאט גֶעוִויזְן פַאר דִי שׁוֹמְרִים אִים צוּ שְׁטֶעלְן אִין זַייט, מֶען דַארְף אִים צוּרִיקְפִירְן אִין טוּרְמֶע, און הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען זַיין אַרְבֶּעט... אִין דִי מִינוּטְן וָואס ר׳ מֹשֶׁה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין זַייט אִיבֶּערַאשְׁט און דֶערְצִיטֶערְט פוּן זַיין דְרַייסְטְקַייט וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ הַצָּלָה כָּאטְשׁ אוֹיף דִי קוּרְצֶע צַייט, הָאט עֶר גֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם הִימְל און צוּגֶעזָאגְט שְׁטִיל:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ וֶועסְטוּ מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען לֶעבֶּעדִיג פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן אָרְט, נֶעם אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶער צוּ פַארְזָארְגְן יֶעדֶעס יָאר אַ שֵׁיינֶעם סְעוּדַת יוֹם טוֹב פַאר דִי חֲסִידִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן!״

וִוידֶער הָאט זִיךְ ר׳ מֹשֶׁה גֶעטְרָאפְן אִין טוּרְמֶע מִיט דִי פִיר וֶוענְט, מֶען הָאט נָאכְאַמָאל גֶעעֶפְנְט דִי פַּאפִּירְן און גֶעזֶען דִי שְׁוֶוערֶע עֵדוּת פוּן יֶענֶעם סוֹחֵר אַנְטְקֶעגְן ר׳ מֹשֶׁה. אַזוֹי וִוי ר׳ מֹשֶׁה הָאט גֶעלֵייקֶנְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סוֹחֵר אַלֵיין עֶר זָאל עֵדוּת זָאגְן אִין פָּנִים פוּנֶעם בַּאשׁוּלְדִיגְטְן אֶפְשָׁר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דֶער אֱמֶת, וֶוען דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן זַיין עֵדוּת הָאט ר׳ מֹשֶׁה גֶענוּמֶען קוּרַאזְשׁ און אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם סוֹחֵר אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי זַיין קְלֵייד און גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ: ״דוּ הָאסְט מִיר פַארְקוֹיפְט סְחוֹרָה? וֶוער בִּיסְטוּ? אִיךְ קֶען דִיר פוּן קַיינְמָאל!״

דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוָוארְן צֶעמִישְׁט עֶר הָאט זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען אַנְטְקֶעגְן דִי שׁוֹפְטִים אַז ס׳אִיז אַ עֲלִילַת שָׁוְא, אַ פְּרָאסְטֶער בִּלְבּוּל אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ און דִי גַאנְצֶע עֵדוּת זַיינֶע אִיז לִיגְנְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף! דֶער שׁוֹפֵט הָאט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל צוּגֶעלָאזְט דִי זַאךְ און הָאט גֶעזָאגְט צוּם סוֹחֵר: ״גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ זָאגְסְט וַוייל אוֹיבּ אִיז עֶר פְרַיי גֵייסְטוּ זִיךְ בַּייטְן מִיט אִים, דוּ גֵייסְט אַרַיינְגֵיין אִין תְּפִיסָה אַנְשְׁטָאט אִים...״

ר׳ מֹשֶׁה הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אֶפְשָׁר יֶעצְט וֶועט דֶער סוֹחֵר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן און נָאכְאַמָאל לֵייקֶענֶען אָבֶּער נֵיין דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק און גֶעזָאגְט: ״כָּאטְשׁ אִיךְ וֵויס וָואס עֶרְוַוארְטֶעט מִיר, לִיגְנְט וִויל אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט זָאגְן!״

נָאךְ יֶענֶעם טָאג אִיז ר׳ מֹשֶׁה בַּאפְרַייט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט צוּם לֶעבְּן, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי פְרֵייד פוּן זַיינֶע בְּנֵי בַּיִת און הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְּלַאנֶען וִוי אַזוֹי עֶר גֵייט מְקַיֵּים זַיין זַיין הַבְטָחָה און צוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה פַאר דִי אָרֶעמֶע חֲסִידִים וָואס קוּמֶען צוּם קִבּוּץ.

פארזעצונג קומענדיגע וואך בעז״ה

# פאלשע כבוד

המשך פון די לעצטע זייט

מֵיינֶענְדִיג אַז אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער פַארְשְׁטֵיין אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי מוּשְׁלָם, וִויכְטִיג אוּן חָשׁוּב וִוי אִים.

אָבֶּער דִי יְשׁוּעָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען זַיין פֶעטֶער הָאט מְסַדֵר גֶעוֶוען עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים בְּחַבְרוּתָא סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען הָאבְּן זֵיי גֶעלֶערְנְט קֶעגְן דֶעם עִנְיָן פוּן לוֹיפְן נָאךְ כָּבוֹד. צוּבִּיסְלֶעכְוַויז הָאט שִׁמְשׁוֹן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין אַז זַיין אוֹיפְפִירוּנְג פוּן זוּכְן כָּבוֹד אִיז אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוּן פַארְמִיאוּסְ'ט בַּיי יֶעדְן וָואס קוּקְט אוֹיף אִים. זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וִויל זִיךְ טוּישְׁן אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקָרֵב צוּ זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם יְסוֹד: "אֵיזֶהוּ מְכוּבָּד? הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת" - וֶוער אִיז בֶּאֱמֶת אַ מְכוּבָּד? דֶער וָואס גִיבְּט כָּבוֹד פַאר אַנְדֶערֶע אוּן זֶעט זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת! אוּן דֶער וָואס שְׁמֵייכְלְט צוּ יֶעדְן קְלֵיין קִינְד, עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מְכוּבָּד!



## מַעֲשֶׂה יב׳ דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

וַיְהִי הַיּוֹם! אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ (דְהַיְינוּ: אַ ׳שְׁטוּרֶעם־וִוינְט׳) אוֹיף דֶער וֶועלְט! אוּן דֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ הָאט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר: פַארְמִישְׁט), גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט!

אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט: פוּן ׳יַם׳ [צוּ] ׳יַבָּשָׁה׳! אוּן פוּן ׳יַבָּשָׁה׳ [צוּ] ׳יַם׳! אוּן פוּן ׳מִדְבָּר׳ [צוּ] ׳יִשׁוּב׳!

אוּן פוּן ׳יִשׁוּב׳ [צוּ] ׳מִדְבָּר׳! אוּן עֶר הָאט גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט!

אוּן דֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ אִיז אַרַיין, צוּם ׳מֶלֶךְ׳ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין! – אוּן דֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ הָאט דָארְט גָארְנִישְׁט גֶעטָאן (כְּלוֹמַר: עֶר הָאט דָארְט בַּיים ׳מֶלֶךְ׳, קַיין שׁוּם שָׁאדְן נִישְׁט גֶעטָאן) – נָאר עֶר אִיז אַרַיין (דֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳), אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעכַאפְּט דָאס ׳קִינְד׳ פוּן דֶער ׳בַּת־מַלְכָּה׳ הַנַ"ל.*

אוּן אִין דֶעם ׳אוּמְפֶּעט׳ [רַעַשׁ] – תֵּיכֶּף וִוי עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעכַאפְּט דָאס ׳טֵייעֶרֶע קִינְד׳ – אִיז תֵּיכֶּף דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳ נָאךְ [נָאכְגֶעיָאגְט]! (כְּלוֹמַר: דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳ הָאט תֵּיכֶּף אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן נָאךְ דֶעם ׳קִינְד׳, זִי זָאל עֶס צוּרִיקְכַאפְּן – אִיז זִי [דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳] אוֹיךְ עֶרְגֶעץ אַוֶועק, אוּן מְ׳וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ)!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דִי ׳מַלְכָּה׳ – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער ׳מֶלֶךְ׳ – זֶענֶען אַלֶע נָאךְ [נָאכְגֶעיָאגְט], נָאךְ דֶעם ׳קִינְד׳! בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן – אוּן מְ׳וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען!

אוּן מִיר אַלֶע [אַנְדֶערֶע לַייט פוּנֶעם ׳מֶלֶךְ׳ – 1) ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳. 2) ׳גִבּוֹר׳. 3) ׳מֵלִיץ׳. 4) ׳חָכָם׳. 5) ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳], זֶענֶען דֶערְבַּיי [בַּיים ׳רוּחַ־

סְעָרָה׳] גָארְנִישְׁט גֶעוֶועןְ! – וָוארְן מִיר זֶענֶען דֶעמָאלְט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין ׳אָרְט׳ אַרַיין, צוּ בַּאנֵייעֶן זַיין ׳כֹּחַ׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – סוֹף פֶּרֶק ו]! – אוּן וִוי [וֶוען] מִיר זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען – הָאבְּן מִיר זֵיי אַלֶע שׁוֹין נִישְׁט גֶעפוּנֶען, כַּנַ״ל.*

אוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳יַד׳, אִיז אוֹיךְ פַּארְפַאלְן גֶעוָוארְן דֶעמָאלְט! אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן [פוּנֶעם ׳רוּחַ־סְעָרָה׳], זֶענֶען מִיר אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן! – אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין ׳אָרְט׳ אַרַיין, צוּ בַּאנֵייעֶן זַיין ׳כֹּחַ׳! – וָוארְן אַז דִי [גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעקֶערְט [אוּן צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן – [אוּן אַלֶע פְּלֶעצֶער פוּן דִי וֶועלְט, זֶענֶען פַּארְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן, פוּן ׳יַם׳ צוּ ׳יַבָּשָׁה׳ וְכוּ׳, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – קֶען מֶען שׁוֹין יֶעצְט זִיכֶער נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע וֶועגְן] – [בְּמֵילָא בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין אַנְדֶערֶע וֶועגְן הַיינְט [לוֹיט וִויאַזוֹי דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן זִיךְ פַּארְטוֹישְׁט אוּן פַּארְעֶנְדֶערְט]!

[אוּן] אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם], קֶענֶען מִיר שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין וִוידֶער, אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין ׳אָרְט׳ אַרַיין, עֶר זָאל נֶעמֶען [בַּאנֵייעֶן] זַיין ׳כֹּחַ׳ [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

נָאר דִי ׳רְשִׁימָה׳ וָואס בַּיי אִיטְלֶעכְן אִיז גֶעבְּלִיבְּן (כְּלוֹמַר: דֶער ׳צֵייכְן׳, דְהַיְינוּ: דָאס בִּיסְל ׳כֹּחַ׳ וָואס סְ׳אִיז נָאךְ בַּיי אִיטְלֶעכְן גֶעבְּלִיבְּן פוּן לַאנְג) – אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס!

אוּן אוֹיבּ דֶער ׳גִבּוֹר׳ (וָואס דִי ׳מְדִינָה׳ הָאט פַאר אִים מוֹרָא גֶעהַאט) – אִיז דֶער ׳גִבּוֹר׳ פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳מֶלֶךְ׳ – אִיז עֶר בְּוַודְאַי זֵייעֶר אַ ׳גְרוֹיסֶער גִבּוֹר׳!

(דָאס [דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם ׳מֶלֶךְ׳ מִיט ׳זַיינֶע לַייט׳, מִיט דִי ׳רוּחַ־סְעָרָה׳] הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳, פַאר דִי לַייט הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת])!

אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע רֵייד – אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר פַּארְוואוּנְדֶערְט!

אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאלְטְן דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ בַּיי זִיךְ! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט אַוֶועקְלָאזְן פוּן זִיךְ! – (וָוארְן טָאמֶער דֶער ׳גִבּוֹר׳ וָואס עֶר וִויל אָנְקוּמֶען אוֹיף זֵיי, אִיז עֶר דֶער ׳גִבּוֹר׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] וָואס דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ קֶען זִיךְ מִיט אִים).

אוּן דֶער ׳גִבּוֹר׳ הַנַ״ל אִיז אַלֶעמָאל צוּגֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ דֶער מְדִינָה! – אוּן עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעשִׁיקְט זַיינֶע ׳שְׁלוּחִים׳ צוּ זֵיי! – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער ׳מְדִינָה׳!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער ׳שְׁטָאט׳ – אוּן הָאט צוּ זֵיי אַרֵיינְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע ׳שְׁלוּחִים׳ (אַז זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן וָואס זֵיי וִוילְן – צוּ אוּנְטֶערְגֶעבְּן זִיךְ, צוּ ׳נֵיין׳ [אָדֶער נִישְׁט], כַּנַ״ל הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס [שְׁטַארְק] מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אִים!

הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳: ״אַז עֶר זָאל זֵיי אַ ׳עֵצָה׳ גֶעבְּן״! הָאט דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: ״מֶען בַּאדַארְף קְלֶערְן [נָאכְפָארְשְׁטְן דִי ׳וֶועג׳ אוּן] דָאס ׳פִּירֶעכְץ׳ פוּן דֶעם ׳גִבּוֹר׳ – כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְכְדֶעם דֶערְקֶענֶען: אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער ׳גִבּוֹר׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ הַנַ״ל .

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ – אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּם ׳גִבּוֹר! אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין ׳חַיִל׳ [מַחֲנֶה] פוּן דֶעם ׳גִבּוֹר׳ – אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, מִיט

אֵיין ׳גִבּוֹר׳ פוּן דִי ׳גִבּוֹרִים׳ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם ׳גִבּוֹר׳ (דְהַיְינוּ: מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי ׳וַוארְטֶעס׳ [שׁוֹמְרִים] - כְּדֵי עֶר זָאל קְלֶערְן [נָאכְפָארְשְׁטְן]: אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער ׳גִבּוֹר׳ וָואס עֶר קֶען זִיךְ מִיט אִים)!

הָאט אִים דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז אֵייעֶר טוּהְן?! אוּן וִויאַזוֹי זֶענְט אִיר אַייךְ צוּם־אוֹיפְגֶעקוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] מִיט דֶעם ׳גִבּוֹר׳״?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט - דְהַיְינוּ: דֶער אֵיינֶער פוּן דִי ׳גִבּוֹרִים׳, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט [צוּ] דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳:

דִי ׳מַעֲשֶׂה׳ אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי סֶע [סְ׳אִיז] פַארְשְׁרִיבְּן אִין זֵייעֶרֶע ׳קְרוֹנִיקֶעס׳ [הִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער; דִבְרֵי־הַיָמִים]: אַז סְ׳אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ (דְהַיְינוּ: אַ ׳שְׁטוּרֶעם־וִוינְט׳) אוֹיף דֶער וֶועלְט! - אוּן דֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳, הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט!

עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט פוּן ׳יַם׳ [צוּ] ׳יַבָּשָׁה׳! אוּן פוּן ׳יַבָּשָׁה׳ [צוּ] ׳יַם׳! - אוּן פוּן ׳מִדְבָּר׳ [צוּ] ׳יִשׁוּב׳! אוּן פוּן ׳יִשׁוּב׳ [צוּ] ׳מִדְבָּר׳! אוּן עֶר הָאט גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט פַארְמִישְׁט!

אוּן נָאךְ דֶעם ׳רַעַשׁ׳ [אוּן ׳צוּמִישֶׁענִישׁ׳], וָואס גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט, אִיז אַזוֹי פַארְמִישְׁט גֶעוָוארְן - נָאכְדֶעם הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״[אַז] זֵיי וִוילְן זִיךְ מַאכְן אַ ׳מֶלֶךְ׳״!

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן [פָארְשְׁטְן]: ״וֶוער סְ׳אִיז רָאוּי [פַּאסִיג], אַז מֶען זָאל אִים מַאכְן פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳ אִיבֶּער זֵיי״?!

הָאבְּן זֵיי גֶעקְלֶערְט [גֶעפָארְשְׁט]: ״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר דֶער ׳תַּכְלִית׳! - דֶערִיבֶּער, וֶוער סֶע [עֶס] פָארֶעט זִיךְ מֶער, אוּן אִיז זִיךְ מֶער מִשְׁתַּדֵל, אִין דֶעם ׳תַּכְלִית׳ פוּן דֶער וֶועלְט - דֶער ׳דָאזִיגֶער׳ קֶער [אִיז פַּאסִיג] צוּ זַיין אַ ׳מֶלֶךְ׳״!

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן [פָארְשְׁטְן]: ״וָואס אִיז דֶער ׳תַּכְלִית׳״?! אִיז צְווִישְׁן זֵיי גֶעוָוארְן כַּמָה [אַסַאךְ] דֵיעוֹת [כִּיתּוֹת כִּיתּוֹת; גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס]!

אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳, אִיז ׳כָּבוֹד׳! וָוארְן מִיר זֶעהְן זִיךְ: אַז ׳כָּבוֹד׳ אִיז דֶער עִיקָר בַּיי דֶער וֶועלְט!

וָוארְן אַז מֶען גִיבְּט נִישְׁט אָפּ [פַאר] דֶעם מֶענְטְשְׁן, זַיין ׳כָּבוֹד׳ - דְהַיְינוּ: אַז מְ׳רֶעדְט אִים עֶפֶּעס אַ וָוארְט אַקֶעגְן זַיין ׳כָּבוֹד׳ - הָאט עֶר ׳שְׁפִיכוּת־דָמִים׳! - וָוארְן דֶער עִיקָר אִיז דֶער ׳כָּבוֹד׳ בַּיי גָאר דֶער [גַאנְצֶער] וֶועלְט!

אוּן [אֲפִילוּ] נָאךְ דֶעם ׳טוֹיט׳ [פוּנֶעם מֶענְטְשׁ] - הִיט מֶען אוֹיךְ אָפּ [מְ׳אִיז מַקְפִּיד]: אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעבְּן דֶעם ׳מֵת׳ זַיין ׳כָּבוֹד׳, אַז מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין [בַּאעֶרְדִיגְן] מִיט ׳כָּבוֹד׳, אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן! - (אוּן מְ׳זָאגְט אִים: ״[אַז אַלֶעס] וָואס מְ׳טוּט דִיר - טוּט מֶען דִיר אַלְץ, פוּן דַיין ׳כָּבוֹד׳ וֶועגְן״)!

כָאטְשֶׁע נָאךְ דֶעם ׳טוֹיט׳, וִויל מֶען שׁוֹין נִישְׁט [סְ׳אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט שַׁיָיךְ] קַיין ׳גֶעלְט׳ - אוּן דֶער ׳מֵת׳, גְלוּסְט שׁוֹין בְּוַודְאַי נִישְׁט [צוּ] קַיין שׁוּם זַאךְ! - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, אוֹיף דֶעם ׳כָּבוֹד׳ פוּן דֶעם ׳מֵת׳, אִיז מֶען מַקְפִּיד, אוּן מְ׳הִיט אִים אָפּ זַיין ׳כָּבוֹד׳!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער ׳כָּבוֹד׳ [אַז דֶער ׳כָּבוֹד׳ אִיז], דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳! אוּן נָאךְ ׳אַזוֹינֶע סְבָרוֹת׳ אוּן ׳גֶעדְרַאנְגֶען [זִיךְ אוֹיפְדְרִינְגֶען] אַזוֹינֶע׳ [פוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעטְקַייט אוּן נַארִישְׁקַייט], הָאבְּן דִי דָאזִיגֶע אַלְץ גֶעזָאגְט: ״אַז ׳כָּבוֹד׳ אִיז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ פוּן דֶער וֶועלְט״!

נאמ: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (8)

**א. וואס איז געשען איינמאל ווען זיי זענען געגאנגען באניין זייערע כוחות?**

- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אויף דער וועלט
- ❑ זיי זענען געבליבן דארטן און האבן נישט געקענט צוריק קומען
- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אין די מדינה פונעם גבור

**ב. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט?**

- ❑ איבערגעדרייט פון ים צו יבשה און פון יבשה צו ים
- ❑ איבערגעדרייט פון מדבר צו ישוב און פון ישוב צו מדבר
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט אין שטוב פונעם מלך?**

- ❑ עס האט אלעס איבערגעדרייט
- ❑ עס האט אלעס שאדן געמאכט
- ❑ עס האט ארויס געכאפט דאס קינד פון בת מלכה

**ד. וואס נאך איז פארלוירן געווארן ביים שטורעם ווינט?**

- ❑ די יד פונעם מלך
- ❑ די שווערד פונעם גבור
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. פארוואס האט איין כתה געזאגט אז דער תכלית איז כבוד?**

- ❑ ווייל אזוי האט זיי א עהרליכע איד געזאגט
- ❑ ווייל ביי די וועלט איז דער עיקר די כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

ו. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וויפיל מאל האט דער בעל תפילה געגעבן א עצה ? און פארוועמען ?**

**וויפיל מאל שטייט ביי די מעשה אז עס איז געווען א "רוח סערה" ?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (7)

וואספארא זאך נאך האט דער בעל תפילה משמש געווען ביים מלך ? **א יועץ**

ווועמען פון די אנשי המלך האט דער מלך ליב געהאט ? **דעם בעל תפילה מיטן אוהב נאמן**

א שאלה זכות: פארוואר עס קען די המשך פון די מעשה ווער פון די אנשי המלך ווערט נישט דערמאנט

**דער ממונה אויף די אוצרות פונעם מלך**

**דער געווינער אויף 'בעל תפלה' 7 איז הילד היקר אברהם אנשין, בית שמש **** 8871**

ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט
646-585-3040 02-5-3333-72

# פאלשע כבוד

דער רֶבִּי דערצֵיילט אונז וועגן פילע גרופּעס וואס האבּן זיך אָנגעקלעבּט צו אַ קרומען ציל, און זענען געוואָרן פאַרלוירן און צומישט מיט זייער פאַלשע און פאַרדרייטע שׂכל. צווישן זיי זענען געווען מענטשן וואס האבּן געגלייבּט אַז דער הויפּט תּכלית אינעם לעבּן איז כּבוד. ווייל אפילו נאך די פּטירה, גיט מען כּבוד פאַרן נפטר און מען רעדט מיט רעספּעקט איבּער אים...

זיי זענען אזוי ווייט פאַרפאַרן מיט זייערע טעותים, אַז זיי האבּן אָפּגעמאכט אַז מ'מוז זוכן אַן אָדם מכובד וואס יאָגט נאך כּבוד, ווייל אַזא מענטש איז אַן "איש מכובד" וואס האט גרויס כּבוד. זיי האבּן טאקע געפונען איינעם וואס האט געהאט גרויס כּבוד אָבער ער איז געווען אַ גרויסער כּעסן, און זיי האבּן אים אויפגענומען אלס קעניג.

ר' זאב האט אַריינגעלייגט געוואלדיגע כּוחות אינעם "חברת תּפילה". מען האט געטיילט קאַליִרטע קאַרטלעך פאַר יעדעס קינד וואס איז אָנגעקומען אין צייט צו דאַווענען שבּת אינדערפרי: אַ ראָזע קאַרטל פאַר'ן דאַווענען מיט אַ ברען, אַ גרינע קאַרטל פאַרן אויסהערן קריאת התּורה אינעם חומש, און אַן בּלויע קאַרטל פאַר'ן ענטפערן "אָמן יהא שמיה רבּא...". צום סוף פונעם דאַווענען האט מען צוטיילט גוטע זאכן. אמאל פלעגט מען אפילו טיילן טייערע מתּנות אלס אַן איבּערראַשונג אָן קיין גורלות. אלע קינדער אין די קהילה האבּן געוויסט: די "חברת תּפילה" טאָר מען נישט פאַרפאַסן!

יעדער האט געהאט זיין באַשטימטע פּלאַץ אין די חברה, אויסער שמשון.



שמשון האט געדאַוונט אליין אין זיין ווינקל, אַמאל פרי און אַמאל נישט, אָבער ער האט קיינמאל נישט אָנטייל גענומען אין די אַקטיוויטעטן פון די חברה. פאַרוואס טאקע? שמשון האט גע'טענה'ט אַז ער איז שוין אַ "גרויסער אינגל", צו גרויס צו זיין אין די חברה, כּאילו ער איז אַ קליין קינד וואס דאַרף אַ צוקערל. איין מאָל, ווען דער מנהל ר' זאב האט אים געשיקט אַ גוטע זאך, האט ער עס נישט געוואָלט אָננעמען; ער האט פאַרקרימט דאס מויל מיט גאווה, געצויגן מיט די פּלייצע מיט עקשנות, און נישט געוואָלט נעמען וואס מ'האט אים מציע געווען.

שמשון האט כּסדר געגעבּן צו פאַרשטיין אַז ס'פּאַסט נישט פאַר אַ חשוב קינד ווי אים זיך צו דרייען מיט אַזעלכע קינדערישע קינדער. נישט נאָר דאס, נאָר אפילו בּיי משפּחה שׂמחות, בּיי חתונות און בּר מצוה'ס, האט שמשון זיך נישט געוואָלט 'מטריח זיין' צו צוגיין צו זיינע שוועסטער-קינדער צו שמועסן מיט זיי. ער האט שטענדיג געזוכט נאָר איין קינד מיט וועמען ער זאָל קענען רעדן פּריוואַט אין אַ ווינקל, כּאילו זיינע ווערטער זענען טיפע סודות פון קבּלה. שמשון האט געגלייבּט אַז יעדער איז אים מקנא און וואָלט געוואָלט זיין זיין חבר. דערפאַר, וואו אימער ער איז געגאַנגען, איז זיין פּנים געווען ערנסט און אָנגעצויגן. ס'איז געווען אַ זעלטנהייט צו זען אַ שמייכל אויף זיין פּנים.

אומעטום וואו ער איז געגאַנגען פלעגט ער רעדן שלעכט אויף אַנדערע קינדער פון זיין עלטער,

המשך אויף זייט 8